# סימן כב

(אין דער קומענדיקער אגרת קלאָגט זיך דער אַלטער רבי אויף דעם וואָס חסידים זיינען אים מטריד מיט שאלות וועגן עצות אין ענינים גשמיים, פרנסה אד"ג, און ערקלערט ווי דער ענין פון עצות אין גשמיות'דיקע ענינים איז שייך נאָר צו נביאים אָבער ניט צו חכמי התורה. און ער פירט אויס מיט אַ אריכות הביאור ווי מען דאַרף אויפנעמען יסורים גשמיים, עס זאָל צוקומען דורך זיי אין יראת שמים און אהבת השם.

צו האָבן אַ קלערערן פאַרשטאַנד אין דער אגרת, איז כדאי צו מעתיק זיין דעם תוכן פון דעם אָנהויב און סוף פון אגרת וועלכע זיינען ניט געדרוקט אין תניא, אָבער עס איז געדרוקט אין „אגרות קודש – אדמו"ר הזקן" (קה"ת תש"מ) סימן כד.

אין אָנהויב פון דער אגרת איז דער אַלטער רבי קובע איינגעשטעלטע זמנים ווען מען קען צו אים אַריינגיין אויף יחידות, און שפּעטער שרייבט ער מיט שאַרפע אויסדרוקן וועגן דעם וואָס מ'פרעגט אים עצות אין גשמיות'דיקע ענינים, טענה'נדיק, פון גרויס עניוות, אַז דאָס איז אים מבלבל פון אַנדערע ענינים תורה, און ברענגענדיק אַ ראי' פון משה רבינו וואָס חז"ל זאָגן[1] „וכי תעלה על דעתך שמרע"ה יושב ודן כל היום כולו – תורתו מתי נעשית".

בהמשך דערצו קומט דער חלק פון אגרת וואָס איז געדרוקט אין תניא, און דערנאָך פירט אויס דער אַלטער רבי, אַז מען מוז אויספאָלגן די אויבנדער־מאָנטע תקנות וועגן דער צייט פון „יחידות" און קומען צו אים, און ער איז גוזר „קנסים" אויף די וועלכע וועלן ניט פירן זיך לויט די תקנות, און דראָט אויך מיט אַרויספּאָרן פון דער מדינה.

עס איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז חסידים הראשונים פלעגן זאָגן, אַז דאָס וואָס מ'זעט „מעשה רב" אַז מ'פרעגט יאָ ביי רביים עצות אין ענינים גשמיים, און די רביים ענטפערן – איז עס ווייל דער אַלטער רבי אַליין האָט עס „מתיר געווען" אין דער רשימה וואָס ער האָט געשריבן „קרוב לזמן הסתל־קותו" (געדרוקט אין „אגרות קודש" דאָרט, סימן סה), וועגן דער מעלה פון „קירוב הדעת ועצות מרחוק בכל עניני ב"ב וכו'").

**אהוביי אחיי ורעיי** – מיינע ליבע, מיינע ברידער און מיינע פריינט, **מאהבה מסותרת תוכחת מגולה** – פון באַהאַלטענער ליב־ טו תשרי יג תשרי

---

1) שבת י, א.